בס"ד

בהר (אמור בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 92

דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה - דִי הִלוּלָא קַדִישָׁא, פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. וֶועט קֶען זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּ שְׁרֵייבְּן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקֶל פוּן זַיין גְרוֹיס קְדוּשָׁה, זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זַיינֶע הֵיילִיגֶע מִדוֹת טוֹבוֹת. אוּן פוּן דִי שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה וָואס דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָא הָאט גֶעהַאט בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען.

וֶוער רֶעדְט פוּן זַיין אַהֲבָה, דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶר הָאט צוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד פוּן עַם יִשְׂרָאֵל, פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק בִּיז דֶעם שְׁוַואכְסְטְן נִידְרִיגְסְטְן אִיד. ווִיפִיל מֶען וֶועט שְׁרֵייבְּן פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט וֶועט זִיכֶער נִישְׁט זַיין גֶענוּג. אָבֶער לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן לֶעכְטִיגְן טָאג ל"ג בָּעֹמֶר.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק ווֵייסְן זִיכֶער אַז אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען אַ אִינְגְל הָאט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען וַואסֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין קְרַאן-וַואסֶער אִין דִי הַייזֶער, דֶער אִינְגְל הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין שְׁלֶעפְּן וַואסֶער פוּן אַ בְּרִינֶעם. עֶס פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַז אוֹיפְן בְּרִינֶעם אִיז גֶעלֶעגְן אַ רִיזִיגֶע שְׁטֵיין, וָואס טוּט מֶען דַאן?! דֶער אִינְגֶעלֶע אִיז דָארְשְׁטִיג, עֶס אִיז בִּיטֶער הֵייס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר אִיז פַארְשְׁוִויצְט דָאס הַארְץ אִיז אִים פַארְ'חַלְשְׁ'ט, עֶר דַארְף אַבִּיסֶעלֶע וַואסֶער, עֶר בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט,

אָבֶער עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶער שְׁטֵיין אוֹיף בְּאֵר מַיִם!

בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים אוּן שִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר וָואס גִיבְּט זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל אַן עֵצָה מִיט דֶעם שְׁטֵיין אוּן... דֶער שְׁטֵיין אִיז מֶער נִישְׁט אוֹיף זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן אָרְט, דֶער גִבּוֹר הָאט דָאס מְסַדֵר גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֵיין אוּן יֶעצְט אִיז דָא צוּ טְרִינְקְן ווִיפִיל מֶען ווִיל!

קִינְדֶער, עֶס אִיז פַארְהַאן אַ 'בְּאֵר מַיִם חַיִים', אַ בְּרִינֶעם מִיט פְרִישֶׁע לֶעבֶּעדִיגֶע וַואסֶער. קְוַואלְן מִיט טַייכְן וָואס קְוֶועלְן, עֵצוֹת מִיט סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס קֶענֶען אוּנְז מְחַיֶה זַיין אוּן אוֹיפְלֶעבְּן, אוּנְז דֶערְפְרִישְׁן מִיר זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן פוּל מִיט שִׂמְחָה, אֱמוּנָה, תְּפִלָּה בְּכֹחַ, אַהֲבַת חֲבֵרִים, מִדוֹת טוֹבוֹת א.א.וו.




אָבֶער... אָבֶער וָואס?! וָואס הַאלְט אוּנְז צוּרִיק?! סְ'אִיז דָא אַ שְׁטֵיין! דָאס אִיז אוּנְזֶער הַארְץ וָואס רוּפְט זִיךְ 'לֵב הָאֶבֶן' דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט! מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי וַואסֶער, צוּ דֶער דַעַת אוּן עֵצוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט צוּ אוּנְז נָאכְן חוּרְבְּן פוּן צְוֵוייטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וָואס עֶר, מִיט זַיין כֹּחַ קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען



המשך אויף זייט 12

זַייעֶנְדִיג אוֹיפְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוּן זִיךְ דָארְט מִשְׁתַּטֵחַ גֶעוֶוען הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּן רֶבִּי מָרְדְכַי בַּאבְּרִינִיצֶער ז"ל מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז עֶר נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ שׁוּתָּף אִין זַיינֶע פַּארְמֶעגְנְס. עֶר הָאט בַּיי זִיךְ פֶּעסְט אָפְּגֶעמַאכְט אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע פַּארְדִינְסְטְן וָואס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען פוּן זַיין בִּיזְנֶעס וֶועט עֶר הַאלבּ דֶערְפוּן אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר צְדָקוֹת וָואס הָאט שַׁייכוּת צוּם רֶבִּי'נְס עִנְיָן.

דִי שׁוּתָּפוּת הָאט זִיךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בְּרָכָה אִין זַיינֶע פַּארְמֶעגְנְס אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וָוארְט אוּן יֶעדֶעס מָאל גֶעשִׁיקְט אַ טֶעלֶעגְרַאם פַאר ר' לֵוִי יִצְחָק זַ"ל עֶר זָאל קוּמֶען נֶעמֶען דָאס גֶעלְט.



ר' לֵוִי יִצְחָק פְּלֶעגְט גֵיין אָפְּנֶעמֶען דָאס גֶעלְט אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מִיט פוּלֶע טַאשְׁן פוּן בִּינְטְלֶעךְ גֶעלְט. אוֹיס מוֹרָא פוּן גַּנָּבִים הָאט ר' לֵוִי יִצְחָק זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען זַיין גוּף מִיט דִי בִּינְטְלֶעךְ אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ דִיקֶער מֶענְטְשׁ!

פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפַּייזְט פוּן דִי גֶעלְט. אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס גֶעצוֹיגְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. אֵיינֶע פוּן דִי בַּאזוּכְן וֶוען ר' לֵוִי יִצְחָק אִיז גֶעגַאנְגֶען אָפְּנֶעמֶען דָאס גֶעלְט הָאט אִים ר' יִשְׂרָאֵל אַרָאפְּגֶעפִירְט אִין זַיין קֶעלֶער אוּן גֶעוִויזְן וִויאַזוֹי עֶס לִיגְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט גָאלְדֶענֶע צִיגְל גֶעפַּאקְט אֵיינְס אוֹיף דָאס אַנְדֶערֶע, וִוי אֵיינֶער זָאגְט: "דָאס אִיז אַלֶעס אִין זְכוּת פוּן מַיין שׁוּתָּף".

ר' לֵוִי יִצְחָק רוּפְט זִיךְ אָן צוּ ר' יִשְׂרָאֵל: "עֶס וָואלְט גֶעוֶוען רִיכְטִיגֶער דוּ זָאלְסְט צוּשְׁפְּרֵייטְן אוּן לֵייגְן דַיין גֶעלְט אוֹיף נָאךְ אַן אָרְט, וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס קֶען נָאךְ פַּאסִירְן?". ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעהָארְכְט צוּ דִי רֵייד פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק אוּן גֶעשִׁיקְט מִיט ר' לֵוִי יִצְחָק שְׁטִיקֶער גָאלְד קַיין אוּמַאן עֶר זָאל עֶס בַּאהַאלְטְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי בִּיטֶערֶע צַייטְן וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן זֶענֶען גֶעוָוארְן בַּעֲלֵי בָּתִּים אוּן גֶעוָוארְן דִי פִּירֶערְס פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע פַּארְמֶעגְנְס אַיינְקֶעסִירְט אוּן צוּגֶענוּמֶען פַאר דִי מֶמְשָׁלָה. אֵיין טָאג קְלַאפְּן אָן אוֹיף דִי טִיר פוּן ר' יִשְׂרָאֵל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵיי, וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר רוּפְן זֵיי אוֹיס: "דוּ, אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֵייסְט דָא מִיט דַיינֶע בְּלוֹיזֶע קְלֵיידֶער גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין שְׁטוּבּ אוּן זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטְן אָרְט וואו צוּ וואוֹינֶען!" קַיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן צוּם שְׁטָאט קְרָאוָואקָאק.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעקֶענְט שְׁפַּייזְן מִיט דִי גָאלְד וָואס עֶר הָאט בֶּעפָאר גֶעשִׁיקְט קַיין אוּמַאן, אַלֶעס אִין זְכוּת פוּן זַיין שׁוּתָּפוּת.

**בַּיי מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט!**

## אִיבֶּערְגֶעיָאגְט דֶעם בָּאס

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאבְּן אוּנְז גֶעהַאט אַ 'חֶבְרָה' [מַתְמִידִים] אוּן רָמָה ב' בֵּית שֶׁמֶשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַהֵיימְפָארְן מִיט אַ בָּאס וָואס פָּארְט צוּ אוּנְזֶער גֶעגֶנְט. אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג צוּ דֶער בָּאס סְטַאנְצְיֶע זֶעעֶן מִיר אַז דֶער בָּאס קוּמְט צוּ פָארְן, אוּן יָאגְט אוּנְז אִיבֶּער. הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מַיין בְּרוּדֶערְקֶע "קוּם לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען כַאפְּן דִי בָּאס אוּן אוֹיךְ מַאכְן אַ הִשְׁתַּדְלוּת צוּ כַאפְּן דֶעם בָּאס, לָאמִיר לוֹיפְן שְׁנֶעל...". צוּם סוֹף הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעהֶערְט אוּנְזֶער תְּפִלָּה, דֶער בָּאס אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּלִיבּ אַ שְׁוֶועֶרֶע פַארְקֶער, עֶס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּל מִיט אוֹיטָאס פַארְן בָּאס, אוּן מִיר זֶענֶען וַוייטֶער גֶעלָאפְּן אִים צוּ קֶענֶען כַאפְּן אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר אִים ב"ה אָנְגֶעיָאגְט.

מִיר דַאנְקְן אַייךְ גָאר שְׁטַארְק פַאר דֶער סִיּוּם אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת וָואס אִיר מַאכְט פַאר דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע קִינְדֶער.

**עֲקִיבָא מִיט זַיין בְּרוּדֶער דָּוִד**

## בִּין אִיךְ דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה? אָדֶער אַ בֶּן מֶלֶךְ?!

עֶס פְלֶעגְט מִיר אַמָאל זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער וַוייל אֵיין חַבֶר אִין חֵדֶר פְלֶעגְט מִיר אַלֶעמָאל זֵייעֶר פַארְשֶׁעמֶען! אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעדַאוֶונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעהָאפְט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה. אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ כִּתָּה בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם כִּתָּה וואוּ אִיךְ לֶערְן יֶעצְט אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וָואס הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן עֶר הָאט מִיר אַרַיינְגֶעפִירְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס מַעֲשִׂיּוֹת, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אִיבֶּערְמֶענְטְשְׁלִיכֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם חַבֶר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט הָאבּ אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט געטְרַאכְט פוּן דֶעם. אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק אַז פַאר דִי יְשׁוּעָה בִּין אִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט גֶעוֶוען אִין יֵאוּשׁ אַז עֶפֶּעס קֶען מִיךְ נָאךְ הֶעלְפְן אוּן לַיידֶער בִּין אִיךְ כִּמְעַט גֶעפַאלְן פוּן דִי רְדִיפוֹת, אָבֶּער גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער יֶעצְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת בִּין אִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

### אַ אִינְגְל וָואס וֵוייסְט אַז עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא!

**טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן מַיינֶע לַייט!", עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּפִיל צוּצוּלֵייגְן צוּם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער, אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִינְגְל הָאט אַן אַחֲרָיוּת נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט זַיין קַיין מִתְנַגֵּד אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער. דָאס מֵיינְט אַז וֶוען בְּרֶסְלֶבֶ'ע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם וֶוערְט דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען פַארְשֶׁעמְט.**

**אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִינְגְל דַארְף זַיין אַ דֻּגְמָה פוּן מְקָרֵב זַיין אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים, מַאכְן גֶעשְׁמַאק אוּן פְרֵיילִיךְ אַלֶעמֶען אַרוּם זִיךְ, אַז אַלֶע אַרוּמִיגֶע זָאלְן זָאגְן "אִיךְ וִויל אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים!! זֵיי הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ," " קֵיסָרִים וֶועלְן שִׁיקְן זִיךְ לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן מַיינֶע לַייט" אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט.**

**בִּכְלַל דַארְף אַ אִינְגְל וִויסְן אַז עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן טְרֶעטְן פוּן אַ חַבֶר, מֶען אִיז מְחֻיָּב צוּ זָאגְן פַאר דֶער מְלַמֵּד אָדֶער פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען וֶוערְט גֶע'רוֹדֶפְ'ט, אוּן אַוַדְּאַי מַאכְן זִיכֶער אַז אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט דֶער גּוֹרֵם אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט מִיר.**



די טענץ אין חצר פון מירון פאר בערך הונדערט יאר צוריק

## אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יָאר תשכ״ז

אִין דִי גַאסְן הֶערְשְׁט אַ טוֹיט שְׁטִילְקֵייט. קֵיינֶער וַואגְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ. מֶען לוֹיפְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי פְּרִימִיטִיוֶוע בּוּנְקֶערְס וֶוען דִי פַּייפֶערְס צוּקְלִינְגֶען זִיךְ. דִי הֶערְצֶער צִיטֶערְן פַאר שְׁרֶעק. אִידְן דְרַייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן. מֶען קֶען טַאפְּן דֶעם פַּחַד אִין דִי לוּפְט. דִי צִיּוֹנִים הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען זִיךְ צוּ רֵייצְן מִיט דִי אַראבֶער אוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעלִיטְן דֶערְפַאר. סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע יָאר פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דִי צִיּוֹנִים הָאבְּן מַפְקִיר גֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִידִישׁ בְּלוּט הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן וִוי וַואסֶער.

חֹדֶשׁ אִיָּיר הָאבְּן זִיךְ דִי צָרוֹת פַארְשְׁטַארְקְט. עֶטְלִיכֶע אַראבִּישֶׁע לֶענְדֶער הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ יַד אַחַת לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד חַס וְשָׁלוֹם דָאס אִידִישֶׁע פָּאלְק. דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן מִצְרַיִם הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד רַחֲמָנָא לִצְּלָן. דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאט אַיינְגֶערִיסְן וֶועלְטְן אַז דִי צִיּוֹנִים זָאלְן אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ רֵייצְן מִיט דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם אוּן אַז עֶס זָאל ח״וּ נִישְׁט קָאסְטְן קַיין אִידִישׁ בְּלוּט.

ל״ג בָּעֹמֶר הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט. אָבֶער אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶעדֶעס יָאר - וֶוען דִי גַאסְן ווִירְבְּלֶען שׁוֹין פוּן גְלַייךְ נָאךְ פֶּסַח מִיט דִי הֲכָנוֹת. דִי סְפַרְדִישֶׁע חֲכָמִים קוּמֶען שׁוֹין אַרוֹיף קַיין מִירוֹן תֵּכֶף נָאךְ פֶּסַח. אִידְן פוּן אִיבֶּערָאל זֶענֶען פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ רִישְׁן אוֹיף דִי נְסִיעָה וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג אִין יֶענֶע יָארְן אַזוֹי וִוי הַיינְט. מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אִיבֶּער דִי וֶועגְן לַאנְגֶע שָׁעָה׳ן בִּיז מֶען הָאט עֶנְדְלִיךְ דֶערְגְרַייכְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְג - הָאט דָאס יָאר הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁטִילְשְׁוַוייגֶענִישׁ. דִי גַאסְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְ׳יָתוֹמְ׳ט. פַאר קֵיינֶעם אִיז נִישְׁט בַּייגֶעפַאלְן אַזַא גֶעדַאנְק וִוי זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דִי מְסוּכָּנְ׳דִיגֶע וֶועגְן.

״טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא! פָאר נִישְׁט!״ הָאט זִיךְ אַהֲרֹן גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיין הֵיילִיגֶער פָּאטֶער, הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זַ״ל, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער טַאטֶע רִישְׁט זִיךְ צוּ פָארְן קַיין מִירוֹן פַאר ל״ג בָּעֹמֶר תשכ״ז. ״טַאטֶע, סְ׳אִיז מְסֻכָּן, יֶעדֶע מִינוּט קֶען אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה. אַזַא צַייט דַארְף מֶען זִיךְ גֶעפִינֶען אִין שְׁטוּבּ!״ הָאט עֶר וַוייטֶער פְּרָאבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן דֶעם טַאטֶע׳ן. רֶבִּי שְׁמוּאֵל אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע פְּחָדִים. עֶר בְּלַייבְּט קְלָאר בַּיי זִיךְ מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת!

״פַארְקֶערְט גָאר!״ זָאגְט עֶר צוּ אַהֲרֹן, אוֹיבּ אִיז טַאקֶע דֶער מַצָּב אַזוֹי, דַארְף מֶען זִיכֶער פָארְן צוּ ר׳ שִׁמְעוֹן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פָארְן וואוֹילְזַיין פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.״

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אִין וִויסְטְן חָלוֹם נִישְׁט אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַזַא גֶעדַאנְק, צוּ פָארְן אִין אַזֶעלְכֶע מִלְחָמָה טֶעג קַיין מִירוֹן. אָבֶער נִישְׁט ר׳ שְׁמוּאֵל זַ״ל, אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד, פוּן דִי יְחִידִי סְגוּלָּה וָואס הָאט גָאר אַן אַנְדֶער גֵייסְט, זַיין רוּחַ טְהוֹרָה

וֶוענְד זַיינֶע טְרִיט קַיין מִירוֹן. זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין...

דֶער אִישׁ מִירוֹן הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָּלִיּוֹת זַ"ל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף ר' שְׁמוּאֵל. אִין אֵיינֶע פוּן דִי שַׁבָּתִים וֶוען רֶבִּי שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אִינְאֵיינֶעם מִיט רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג, אִיז עֶר שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אַרָאפּ צוּ דִי מְעָרָה הֶערְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל וִוי עֶר לֶערְנְט פָּאר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן בְּרֶען.

דִי אַרוּמִיגֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, "אִיר זֶענְט דָאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער אִין קַבָּלָה פוּן אִים?!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט.

(וִוי בַּאקַאנְט אִיז ר' אָשֵׁר זֶעלִיג גֶעוֶוען דֶער אִישׁ מִירוֹן. עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ קוּמֶען צוּ פָארְן צוּם תַּנָּא אֱלוֹקִי, אוּן אִיז גֶעוֶוען מְקֻשָּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן. עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט עֶטְלִיכֶע סְפָרִים אוֹיף דִי נִגּוּנִים אוּן גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן ר' שִׁמְעוֹן, וִוי אוֹיךְ אַלֶע מַאֲמָרִים פוּן רשב"י וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין שַׁ"ס.)

"אֶפְשָׁר קַבָּלָה קֶען אִיךְ בֶּעסֶער," זָאגְט רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג, "אָבֶּער שְׁטֵיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוֹיף דִי פִיס מִיט בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן כִּסּוּפִין צוּ ר' שִׁמְעוֹן אַזוֹי וִוי ר' שְׁמוּאֵל, דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט!" הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אוֹיךְ אִין דֶעם שְׁוֶוערְן יָאר הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל נִישְׁט גֶעקֶענְט פּוֹעֶל'ן בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בְּיוֹמָא דְהִילוּלָא. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זַיין גֶעדַאנְק צוּ זַיין ל"ג בָּעֹמֶר אַן רֶבִּי שִׁמְעוֹן. מִיט דְרַייסְטְקַייט אוּן פֶעסְטֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער וָואס וֶועט אִים זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן וֶועט אִים בַּאגְלֵייט מִיט אַ שְׁמִירָה בִּזְכוּת דֶער תַּנָּא – דֶער עִיר וְקַדִּישׁ, צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוֹן צוּ וֶועלְכֶע זַיינֶע טְרִיט זֶענֶען גֶעוָואנְדְן.



מען קריכט ארויף דעם בארג פון מירון מיט אייזלען

עֶר שְׁפַּאנְט צוּם בָּאס סְטַאנְצְיֶע בַּאגְלֵייט מִיט זַיין חָשׁוּבֶע טָאכְטֶער, רֶעבֶּיצִין רָאזֶענְפֶעלְד צוּ כַאפְּן דֶעם בָּאס קַיין חֵיפָה, (דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן אִין יֶענֶע צַייט). דָארְט בַּיים סְטַאנְצְיֶע הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט זַיין אֵיידֶעם ר' מָרְדְּכַי אֶלְעָזָר רָאזֶענְפֶעלְד, אוֹיךְ עֶר קֶערְט זַיינֶע טְרִיט קַיין מִירוֹן.

רֶעבֶּעצִין רָאזֶענְפֶעלְד שִׁילְדֶערְט אִירֶע זִכְרוֹנוֹת: "דִי סְטַאנְצְיֶע אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט מִיט סָאלְדַאטְן. וִוי נָאר דֶער בָּאס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז עֶס גְלַייךְ פוּל גֶעוָוארְן מִיט זֶעלְנֶער. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיוִוילֶע בִּירְגֶער!

לֶענְגְאוֹיס דֶעם וֶועג הָאבְּן מִיר נָאר גֶעזֶען ווִיסְטֶע שָׁאסֵייעֶן. קַיין קַאר אָדֶער מַאשִׁינֶען הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעזֶען פַּאר דִי אוֹיגְן. נָאר מִילִיטֶערִישֶׁע מַאשִׁינֶען זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן אָבֶּער דֶער טַאטֶע הָאט בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן אַרוּם. עֶר הָאט אוּנְז מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן אִין בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען זַיינֶע לִיפְּן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ שֶׁעפְּשֶׁען אוּן חֲזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער: 'דֶער תַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זָאל שִׁיצְן אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן זַיין זְכוּת זָאל מִיר גֶעראַטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן'.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

# וָואס אִיז דָאס 'אִדְרָא'?!

## המשך פון פאריגע וואך



עֶס אִיז דָא צְוֵויי חֲלָקִים אִין זֹהַר וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן 'אִדְרָא' אֵיינְס וֶוערְט גֶערוּפְן 'אִדְרָא רַבָּא' אוּן אֵיינְס 'אִדְרָא זוּטָא', 'אַ קְלֵיינֶע אִדְרָא מִיט אַ גְרוֹיסֶע אִדְרָא'. וֶוען מֶען פָארְט צְווִישְׁן צְפַת אִין מִירוֹן, אִיז דָא אֵיינֶע פוּן דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אַ פְּלַאץ וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן 'אִדְרָא'. אִין דֶעם אִדְרָא אִיז גֶעוֶוען אַזַא מִין קְדוּשָׁה אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעזֶעצְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גֶעלֶערְנְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס שְׁטֵייט דָארְט אִין אִדְרָא, אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה - דָאס זֶענֶען דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען הֶערְן ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן לֶערְנְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים דִי סוֹדוֹת פוּן דִי אִדְרָא! פוּן גְרוֹיס קְדוּשָׁה זֶענֶען אַפָּאר תַּלְמִידִים נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן אַרוֹיף גְלַייךְ אִין גַּן עֵדֶן.

אַז מֶען עֶפְנְט אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ס', קֶען מֶען זֶען אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער 'הָאִדְּרָא רַבָּא קַדִּישָׁא'. מִיר וֶועלְן רֶעדְן אַבִּיסְל וֶועגְן דִי אִדְרָא זוּטָא. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ.

רֶבִּי שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא ז"ל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן פְלֶעגְט עֶר הֵייסְן אֲפִילוּ פַאר אִינְגְלֶעךְ זָאגְן אַבִּיסֶעלֶע פוּן דִי אִדְרָא. הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא קְלֵיינֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן דֶעם, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוּן עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן אַבִּיסֶעלֶע אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג ל"ג בָּעֹמֶר.

בַּיי דִי אִדְרָא אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזֶעצְן מִיט נַיין תַּלְמִידִים, צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַ מִנְיָן, עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַזַא קְדוּשָׁה וָואס אִיז נָאךְ הַיינְט מַמְשִׁיךְ וֶוען טוֹיזְנְטֶער אִידְן קוּמֶען מִיט אַזַא קְדוּשָׁה אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן צוּ מִירוֹן. נָאךְ דִי אִדְּרָא זוּטָא אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַרוֹיף בְּגִנְזֵי מְרוֹמִים.

"דֶער טָאג וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵייִן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט זַיין צַוָּואָה אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֲבֵרִים פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין זַיין שְׁטוּבּ. ר' אֶלְעָזָר אוּן ר' אַבָּא אוּן נָאךְ חֲבֵרִים זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן זַיין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זֶעט אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז גֶעפַּאקְט מִיט מֶענְטְשְׁן, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן זִיךְ צֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִין אַן אַנְדֶערֶע מָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעפִילְט גוּט, אִיז גֶעוֶוען דָארְט מַיין שְׁוֶוער רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר, דַאן בִּין אִיךְ אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַן אָרְט וואו צוּ זִיצְן אִין גַּן עֵדֶן!

יָא, אַ צַדִּיק קֶען אַרוֹיפְגֵייִן אוּן זִיךְ אוֹיסְקְלַייבְּן אַ גוּטֶע פְּלַאץ אִין גַּן עֵדֶן! אִין חֵדֶר קֶען אַ אִינְגְל קוּמֶען צוּ זַיין חַבֵר אִים זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט דֶעם פְּלַאץ!!" אָבֶּער אִין גַּן עֵדֶן כַאפְּט מֶען נִישְׁט קַיין פְּלֶעצֶער! רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ פְּלַאץ אוּן גַּן עֵדֶן! אוּן דַאן בִּיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶע פַייעֶר אַרוּם דֶער שְׁטוּבּ, אוּן דֶער פַייעֶר הָאט זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן קֵיינֶער אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אָן רְשׁוּת. אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן דֶער שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן אָן רְשׁוּת.

אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזֶעצְן אוּן גֶעזֶען וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אוּן עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַ פַּייעֶר אַרוּם זַיין שְׁטוּבּ אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרוֹיס. אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט נָאר זַיין זוּן ר׳ אֶלְעָזָר מִיט ר׳ אַבָּא מִיט דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים אִינְדְרוֹיסְן.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט פַאר זַיין זוּן: "גֵיי קוּק אוֹיבּ רֶבִּי יִצְחָק גֶעפִינְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, ווייל אִיךְ בִּין זַיין עָרֵב". [לוֹיט אֵיין גִרְסָה אִיז דָאס דֶער רֶבִּי יִצְחָק וָואס זַיין קֶבֶר אִיז בַּיים הוֹיפְּט אַרַיינְגַאנְג פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס מְעָרָה].

אוֹיף וָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעוֶוען אַן עָרֵב פַאר זַיין תַּלְמִיד ר׳ יִצְחָק? עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזֶען אוֹיף זַיין תַּלְמִיד אַז עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיס גוּט, עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת וִויל אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם ר׳ יִצְחָק פוּן דֶער וֶועלְט, רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי צַייט אַז ר׳ יִצְחָק זָאל נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיסְגֶערוּפְן: "וֶוער עֶס קוּמְט דָא יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאל וַוייטֶער אַרַיינְקוּמֶען דָא, אוּן וֶוער עֶס קוּמְט נִישְׁט דָא יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה זָאל אִיצְטֶער אוֹיךְ נִישְׁט דָא אַרַיינְקוּמֶען!", הָאט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן!

דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת פַארְפִירְט: "אִיךְ דַארְף אִים דָאךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט!", הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עַרְבוּת אַז אִין דֶעם טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶועט נִפְטַר וֶוערְן וֶועט עֶר מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אוֹיךְ זַיין תַּלְמִיד ר׳ יִצְחָק! דֶערִיבֶּער הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן יֶעצְט בַּיי זַיין הִסְתַּלְקוּת גֶערוּפְן ר׳ יִצְחָק מִיט זִיךְ.

אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אַלֶע פְרֶעמְדֶע זֶענֶען אַרוֹיס נָאר דִי אֵיינְצֶעלֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אַזוֹי אוֹיךְ ר׳ יִצְחָק, וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "ווִי גוּט אִיז דַיין חֵלֶק אִין גַּן עֵדֶן! וָואסְפַארַא שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אִין דֶעם טָאג!". ר׳ אַבָּא אִיז גֶעזֶעצְן אוּנְטֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן ר׳ אֶלְעָזָר פָארְאוֹיס אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אִיז עֶר זֵייעֶר בַּאזָארְגְט פוּל מִיט פַּחַד וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, אָבֶּער רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע צְוֵויי הֵיילִיגֶע הֶענְט אַז דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז עֶר גֶעוֶוען גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן מִיט קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אַזוֹי ווִי אַ בּוּנְד וָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיפְבִּינְדְן.




***מיר וועלן ארײנלייגן א קליין שטיקל תפלה פונעם מורא'דיגן תפלה מ"ז חלק שני אין ליקוטי תפלות:***

**וְהִנֵּה, אִין סוֹף פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַ הִתְנוֹצְצוּת פוּן מָשִׁיחַ פוּן דִי טֶעג פוּנֶעם גֶעטְלִיכְן מַאן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. אוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל גְלוֹסְטְן אוּן בֶּענְקֶען זֵייעֶר צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אַלֶע ווִילְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע הִשְׁתּוֹקְקוּת וָואס אִיז קַיינְמָאל בֶּעפָאר אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג נִישְׁט גֶעוֶוען "הֱקִיצוֹתִי וְעוֹדִי עִמָּךְ".**

**מִיר הָאבְּן שׁוֹין דֶערְגְרַייכְט בִּיז דִי עֶנְדֶע פוּן אַלֶע דוֹרוֹת אוּן נָאכְאַלְץ זֶענֶען מִיר מִיט דִיר, נָאכְאַלְץ הַאלְטְן מִיר זִיךְ אִין דִיר, אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק דִיר צוּ דִינֶען בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.**





# דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָחוֹן

## - פוּן רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א -

### עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט: לֵיל ד' אֱלוּל שְׁנַת תקס"ו

[אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן דֶערְצֵיילְן "אִין זוּמֶער שְׁנַת תקס"ו", דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה 'אֲבֵידַת בַּת־מֶלֶךְ', פוּן 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת'. (דִי דָאזִיגֶע 'מַעֲשֶׂה מִבִּטָחוֹן' אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דִי 'גָאר־הוֹיכֶע' 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת')].

**[אוֹת א]** רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: 'נָאךְ' הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט: אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָחוֹן' - אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'! - הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "וֶוער קֶען טְרֶעפְן אַזַא מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם 'דַאֲגָה' אוּן קַיין שׁוּם 'יִסוּרִים', חוּץ מִיר; וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גוּטְס, אוּן קֶענִיג אוּן גֶעוֶועלְטִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט"!

אִיז עֶר דָאס אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען נָאכְפָארְשְׁטְן! - עֶר פְלֶעגְט גֵיין בַּיינַאכְט, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דִי הַייזֶער, זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי רֵייד פוּן דִי וֶועלְט! - הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "אַז דֶעם פִירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר אִין גֶעשֶׁעפְט"!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ אַנְדֶער שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער הָאט אַ זָארְג: "אַז עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַלְכוּת"! - אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַנְדֶערֶע זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער!

**[אוֹת ב]** דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען; הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַ 'נִידְרִיג שְׁטִיבֶּעלֶע' שְׁטֵייט אִין דֶער עֶרְד - אוּן דִי 'פֶענְסְטֶער' זֶענֶען אוּנְטְן, מַמָּשׁ נָאנְט צוּ דִי עֶרְד - אוּן דֶער 'דַאךְ' אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פַאלְט אַיין!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דָארְט זִיצְט אֵיינֶער, אוּן שְׁפִּילְט אוֹיף אַ 'פִידֶעלֶע', וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צוּהֶערְן כְּדֵי מְ'זָאל קֶענֶען הֶערְן דָאס קוֹל; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ; אוּן אַ 'טָאפּ מִיט מַשְׁקֶה' שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן דִי 'מַשְׁקֶה' אִיז גֶעוֶוען 'וַויין', אוּן 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, פוּל מִיט שִׂמְחָה, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין זַיין 'שָׁלוֹם' [בַּאגְרִיסְט]! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּרִיק בַּאגְרִיסְט]! - אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזֶעהְן: דֶעם 'טָאפּ מַשְׁקֶה' מִיט דִי 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים! אוּן עֶר אִיז נָאר פוּל מִיט שִׂמְחָה!

הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'מֶלֶךְ', עֶר זָאל אוֹיךְ טְרִינְקֶען! - אוּן עֶר [דֶער 'מֶלֶךְ'] הָאט [טַאקֶע] אוֹיךְ גֶעטְרוּנְקֶען מַחֲמַת 'לִיבְּשַׁאפְט'!

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן! - אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז נָאר פְרֵיילֶעךְ, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

*

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! - אוּן 'עֶר' אִיז אוֹיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! - אוּן עֶר הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! - הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען פַארְעֶכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי וֶוערְן קַאלְיֶע (מְ'רוּפְט דָאס: 'נַאפְּרִיוְוקֶעס'); קַיין 'גַאנְצֶע מְלָאכָה' קֶען אִיךְ נִישְׁט, נָאר צוּ פַארְעֶכְטְן זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע; אוּן אִיךְ גֵיי מִיר אַרוֹיס אַלֶע אִינְדֶערְפְרִי, אוּן פַארְעֶכְט עֶטְלִיכֶע זַאכְן; אוּן אַז אִיךְ זַאמְל זִיךְ צוּזַאם דֶערְפוּן, 'פִינֶעף־זֶעקְס גִילְדְן', קוֹיף אִיךְ מִיר דִי דָאזִיגֶע אַלֶע זַאכְן פוּן 'עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען'"!

*

אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ וֶועל אִים דָאס קַאלְיֶע מַאכְן"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַ 'כְּרוּז': "אַז וֶוער סְ'וֶועט הָאבְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ צוּ פַארְעֶכְטְן, זָאל עֶר דָאס נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; נָאר עֶר זָאל דָאס אַלֵיין פַארְעֶכְטְן, אָדֶער עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ נַייעַ זַאךְ"!

**[אוֹת ג]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זַאכְן צוּ פַארְעֶכְטְן! - הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארְעֶכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ"! - אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַ 'גְבִיר' הַאקְט הָאלְץ"! - הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הַאקְסְטוּ הָאלְץ, אִיז דָאס דֶען דַיין כָּבוֹד"?! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מִיר הַאקְן דָאס הָאלְץ, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין הַאקְן"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר, וֶועל אִיךְ הַאקְן"! - הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן הָאט צוּהַאקְט דָאס הָאלְץ! - אוּן דֶער גְבִיר הָאט אִים גֶעגֶעבְן דֶערְפַאר אַ 'גִילְדְן'!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז דָאס אִיז גוּט"! - אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הַאקְן נָאךְ הָאלְץ! - בִּיז עֶר הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט 'זֶעקְס גִילְדְן'! - אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה!

– אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן אוּנְטֶער זַיינֶע פֶענְסְטֶער! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר זִיצְט, אוּן דִי 'מַשְׁקֶה' אוּן דִי 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶעהְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אַזוֹי־וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט!

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס, וַוייל דָאס קָאסְט דָאךְ גֶעלְט"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ פַארֶערְכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע! דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גוֹזֵר גֶעוֶוען: 'אַז מְ'זָאל מֶער נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארֶערְכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ'! – בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזַאמְלְט גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: "אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ"!

[אות ד] אַזוֹי־וִוי עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ! – הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ"! – אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אֵיינֶער רֵיינִיגְט אַ שְׁטַאל"! – הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער בִּיזְטוּ אַז דוּ זָאלְסְט רֵיינִיגְן אַ שְׁטַאל"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אַרוּמְגֶעזוּכְט, אוּן נִישְׁט גֶעפִינֶען וֶוער סְ'זָאל מִיר רֵיינִיגְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין רֵיינִיגְן"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר רֵיינִיגְן"! – הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶעם שְׁטַאל! – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְן דֶערְפַאר 'צְוֵויי גִילְדְן'!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערֵיינִיגְט נָאךְ שְׁטַאלְן! – אוּן הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט 'זֶעקְס גִילְדְן'! – אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! – הָאט עֶר ווִידֶער גֶעזֶעהְן דָאס אַלֶעס! – אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

דֶערְנָאךְ אִינְדֶערְפְרִי: הָאט עֶר ווִידֶער בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: "אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ רֵיינִיגְן קַיין שְׁטַאלְן"!

[אות ה] אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן צוּ 'רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן'! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן"!

אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ 'סָאלְדַאט', בַּיי דֶעם 'מִינִיסְטֶער' וָואס נֶעמְט 'סָאלְדַאטְן' צוּם 'מֶלֶךְ'! – וַוייל סְ'אִיז פַארְהַאן 'סָאלְדַאטְן' וָואס מֶען נֶעמְט זֵיי מִיט גֶעוַואלְד, וָואס סְ'קוּמְט פוּן דִי מְדִינָה פַארְן 'קֶענִיג'; אוּן סְ'אִיז פַארְהַאן 'סָאלְדַאטְן' וָואס מֶען דִינְגְט זֵיי!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ 'סָאלְדַאט'! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ 'תְּנַאי' מִיטְן 'מִינִיסְטֶער': – 1) "אַז עֶר פַארְדִינְגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג, נָאר אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע צַייט! – 2) אוּן אוֹיךְ: אַז יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי, זָאל עֶר אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג"!

אוּן דֶער 'מִינִיסְטֶער', הָאט אִים תֵּיכֶּף אָנְגֶעקְלֵיידְט מִיט דִי 'קְלֵיידֶער' פוּן אַ 'סָאלְדַאט'! – אוּן הָאט אִים אָנְגֶעהָאנְגֶען אַ 'שְׁוֶוערְד' אִין דֶער זַייט! – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט וואוּ עֶר הָאט בַּאדַארְפְט!

דֶערְנָאךְ פַארְנַאכְט: אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן זַיין אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דִי '[סָאלְדַאט] קְלֵיידֶער', אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט ווִידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז אַלֶעס אִיז צוּגֶעגְרֵייט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ"! – אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט דָארְטְן אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַלֶעס אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

*

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'מִינִיסְטֶער', אוּן עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן: "אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ צָאלְן פוּן דִי קַאסֶע פַאר קַיין שוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶעם טָאג"!

[אוֹת ו] אִינְדֶערְפְרִי: אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם 'מִינִיסְטֶער': "אַז עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג"! - הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִיר אַ תְּנַאי: אַז דוּ זָאלְסְט מִיר צָאלְן אַלֶע טָאג"?! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז הַיינְט זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן פַאר קַיין שוּם מֶענְטְשׁ"! - אוּן וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעטַעֲנֶה'ט, הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן!

הָאט אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר בֶּעסֶער בַּאצָאלְן מָארְגְן, אוֹיף צְוֵויי טֶעג, אוּן הַיינְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן"!

*

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן?! - אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶעבְּרָאכְן אַ 'שְׁטִיקְל' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט פַארְרָאכְטְן אִיר פְלַאץ מִיט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ', אַז אוֹיסְנְווֵייניג הָאט מֶען דָאס גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענְט! - אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט פַארְ'מַשְׁכְּנְ'ט דָאס 'שְׁטִיקְל שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט וִוידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! - אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דִי שִׂמְחָה אִיז בִּשְׁלֵימוּת אַזוֹי־וִוי פְרֵיעֶר"! - אִיז עֶר וִוידֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אָפְּבְּרֶעכְן דֶעם 'שְׁפִּיץ' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד' וָואס לִיגְט אִינֶעם 'שֵׁיידְל' פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן עֶר הָאט דָאס פַארְ'מַשְׁכְּנְ'ט, כְּדֵי צוּ קוֹיפְן דִי סְעוּדָה; אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פַאר דֶעם טָאג, וֶועל אִיךְ דַאן אוֹיסְלֵייזְן דֶעם 'שְׁפִּיץ', אוּן אִיךְ וֶועל פַארְרֶעכְטְן דֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן דָאס וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען, וַוייל אִיךְ קֶען דָאךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען קַאלְיֶע גֶעוָוארְן; אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן קַיין שוּם שָׁאדְן"!

[אוֹת ז] אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'מִינִיסְטֶער', אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט: "וִויבַּאלְד סְ'אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה', דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דֶעם 'סָאלְדַאט' וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעדִינְגֶען עֶר זָאל זַיין אַ 'סָאלְדַאט', אוּן זָאלְסְט דַוְקָא אִים בַּאפוֹילְן: אַז עֶר זָאל אָפְּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער מִינִיסְטֶער, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן! - אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ'!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט בַּאפוֹילְן: "אַז סְ'זָאלְן זִיךְ אַיינְזַאמְלְן אַלֶע 'שָׂרִים' - כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס דָאזִיגְן 'גֶעלֶעכְטֶער': אַז סְ'אִיז גֶעפוּנֶען גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט אוֹיף דֶעם פְּלַאץ פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד', אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ'"!

*

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַארְן 'מֶלֶךְ', אוּן אִיז גֶעפַאלְן צוּ זַיינֶע פִּיס, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ! אוֹיף וָואס רוּפְט מֶען מִיךְ"?! - הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "כְּדֵי אָפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִים: "אַז אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט נָאךְ קַיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן, נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט, זָאל עֶר דֶערִיבֶּער רוּפְן דֶערְצוּ אַ אַנְדֶערְן"! - הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דַוְקָא נָאר עֶר, מוּז אַצִינְד פַארְגִיסְן דָאס בְּלוּט, פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיז דֶען שׁוֹין דָא דֶערוֹיף אַ 'קְלָארֶער פְּסַק־דִין'"? - טָאמֶער אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'? - אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט - מִכָּל־שֶׁכֵּן אִיךְ זָאל פַארְגִיסְן אַזַא בְּלוּט, וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זִיכֶער אִיז שׁוֹין קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה' - וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין זִיכֶער דָא דֶערוֹיף אַ 'פְּסַק' (מְ'רוּפְט דָאס: 'דֶעקְרִיט')! אוּן אַצִינְד, נָאר דוּ דַוְקָא מוּזְט פַארְגִיסְן זַיין בְּלוּט"!

*

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פוּעֶלְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ'"! - הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט! אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט; אוּן אוֹיבּ דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט 'חַיָּיב מִיתָה', בֶּעט אִיךְ דִיר: אַז פוּן דֶעם 'אַייזְן' פוּן דִי 'שְׁוֶוערְד', זָאל וֶוערְן 'הָאלְץ'"!

אוּן עֶר הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּהְן דִי 'שְׁוֶוערְד', אוּן אִיר אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן אִיר 'שֵׁיידְל'! - הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז גָאר 'הָאלְץ'"! - אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז אַזַא שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ"! - הָאט עֶר אִים אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט לְשָׁלוֹם!

# טייערע קינדערלעך!

## ווילט איר וויסן ווער עס איז דער כתה ו' מלמד אין ניו דשערסי תלמוד תורה?
## וועלכע סכנה איז אריבער אויף אים און זיינע תלמידים
## וואס האט אים צוגעברענגט צו ווערן א ברסלב'ער חסיד?
## וויאזוי ברענגט ער אריין דעם רבי'נס ליכט אין א שטאטישע חדר?

## דאס און נאך קענט איר הערן בעז"ה אויפן טעל-ליין
## פון מוצש"ק נאך די בחינות פון סיפורי מעשיות אויף קנעפל 1.

**א. ווען הא דער רבי דערציילט די מעשה פון בטחון?**
- ☐ ד' אלול תקס"ו
- ☐ ביינאכט צו ד' אלול תקס"ו
- ☐ ביינאכט צו ד' אלול תקס"ז

**ב. וואס האט דער קעניג געטראכט? אויב ער קען טרעפן?**
- ☐ איינער וואס איז שטארקער פון אים
- ☐ איינער וואס האט א שענערע פאלאץ פון אים
- ☐ איינער וואס האט ווייניגער דאגות פון אים

**ג. וואס האט דער קעניג געהערט פון די הייזער?**
- ☐ די זארגען (דאגות) פון יעדעם
- ☐ ווי מענטשן ארבעטן
- ☐ אז יעדער איז פרייליך

**ד. וויאזוי האט אויסגעזעהן די נידריגע הויז?**
- ☐ די פענסטערס נידריג נאנט צו דער ערד
- ☐ די דאך איז צובראכן און פאלט איין
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט ער געזעהן אינעווייניג?**
- ☐ ווי איינער זיצט אינגאנצן פארזארגט און טרויעריג
- ☐ ווי איינער שפילט אויף א פייפער און איז זייער פרייליך
- ☐ ווי איינער שפילט אויף א פידל און איז זייער פרייליך

**ו. וואס נאך איז געווען דארטן?**
- ☐ ברויט און וואסער
- ☐ וויין און נאך מיני עסן
- ☐ נאר וואסער

**ז. וואס האט דער קעניג געטון?**
- ☐ ער איז אריין און געגעבן שלום
- ☐ ער איז זיך ווייטער געגאנגען
- ☐ ער איז געבליבן אינדרויסן הערן ווי ער זינגט

**ח. וואס דערציילט דער מענטש פון וואו האט ער געלד פאר די סעודה?**
- ☐ אז ער גנב'ט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ☐ אז ער בארגט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ☐ אז ער פארעכט כלים און פארדינט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה

**ט. וויאזוי האט עס דער קעניג פרובירט צו שטערן?**
- ☐ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ☐ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א אנדערן צו פארעכטן כלים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער מענטש געטון ווען ער האט געהערט די גזירה?**
- ☐ ער איז געווארן בעצבות ביז ער האט געטראפן געלד צו קויפן די סעודה
- ☐ ער האט געשריגן אקעגן די שטוב פון קעניג ביז ער האט אים געגעבן געלד פאר די סעודה
- ☐ עס איז אים געווארן שלעכט אין זיינע אויגן אבער ער האט זיך פארזיכערט אין באשעפער און דער אויבישטער האט אים געהאלפן ער האט געטראפן ביי וועם צו האקן האלץ

**יא. וואס איז די לשון וואס דער רבי זאגט אויף די סעודה?**
- ☐ און די סעודה איז געווען א קליין סעודה'לע
- ☐ און די סעודה איז געווען א סעודה
- ☐ און די סעודה אין געווען גאר גוט

**יב. וואס האט דער קעניג געטון נאכדעם וואס ער האט געזעהן אז ער האט אים נישט געקענט צושטערן די סעודה?**
- ☐ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט פארקויפן די עסנס וואס ער האט געהאט ביי זיין סעודה
- ☐ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו האקן האלץ
- ☐ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יג. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט גערייניגט א שטאל און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ☐ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ☐ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו רייניגן א שטאל
- ☐ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יד. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט זיך פארדינגען פאר א סאלדאט און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ☐ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר קיינעם נישט באצאלן יענע טאג
- ☐ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר מער קיינעם נישט באצאלן פאר די ארבעט
- ☐ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**טו. וואס האט דער מענטש געטון ווען דער מיניסטער האט אים נישט געוואלט באצאלן?**
- ☐ ער האט פאר'משכנ'ט די אייזען פון די שווערד און געקויפט די סעודה
- ☐ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן פארעכטן כלים
- ☐ ער איז געווארן בעצבות און נישט געהאט יענע טאג וואס צו עסן ר"ל

**טז. וואס האט דער קעניג געזאגט פאר דער מיניסטער?**
- ☐ אז איינער פון די סאלדאטן זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ☐ אז דער מענטש זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ☐ אז ער זאל פארשיקן דער מענטש פון צו זיין א סאלדאט ביי אים

**יז. וואס האט דער מענטש געזאגט פאר'ן באשעפער?**
- ☐ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז דער וואס איז חייב מיתה זאל אליין שטארבן
- ☐ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז זיין האלז זאל ווערן הארט ווי א שטיין
- ☐ אז אויב דער מענטש איז נישט חייב מיתה זאל די שווערד ווערן האלץ

**יח. וואס האט דער קעניג ביים סוף געטון?**
- ☐ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר א מיניסטער
- ☐ ער האט אים אהיימגעשיקט לשלום

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

דָאס שְׁטֵיין פוּן אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן קֶענֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער פוּנֶעם בְּאֵר מַיִם חַיִּים.

דוּרְךְ אוּנְז מְגַלֶּה זַיין אַז מִיט אוּנְזֶער הִשְׁתּוֹקְקוּת, דִי בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן גְלוּסְטֶענִישְׁן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן אַיינְהַאלְטְן זַיין תּוֹרָה מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם טָאג ל״ג בָּעֹמֶר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאגְט ״וַיָּגֶל אֶת הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וַיַּשְׁקְ אֶת צֹאן...״ יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת הָאט גֶעקֶענְט אַרָאפְּנֶעמֶען דָאס שְׁטֵיין פוּנֶעם בְּרִינֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט זַיין כֹּחַ מְגַלֶּה טִיפֶע עֵצוֹת פוּן זַיין בְּרִינֶעם.

יֶעדֶעס יָאר ל״ג בָּעֹמֶר אַנְטְפְּלֶעקְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן נַייֶע עֵצוֹת, נַייֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אִידִישְׁקֵייט (ליקוטי הלכות הל׳ דם א׳ י״ב).

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דָאס לֶעצְטֶע יָאר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיפְן רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מִיר אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט

המשך פון זייט 1

גְרוֹיסֶע נִסִים אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט פָּארְן אִיז גֶעפָארְן. אַזוֹי אוֹיךְ דָאס יָאר דַארְף מֶען גְרוֹיסֶע נִסִים אַז אַלֶע אִידְן וֶועלְכֶע וִוילְן פָארְן קַיין מִירוֹן אוֹיף ל״ג בָּעֹמֶר זָאלְן קֶענֶען זַיין דָארְטְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוּן שֶׁענְסְטְן אוֹיפְן אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִויל, אַז אַלֶע זַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוּן זִיךְ מִיטְפְרַייעֶן מִיט זַיין שִׂמְחָה.

דֶערְפַאר קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן כֹּחַ צוּ פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע הִלּוּלָא. ווּאוֹיל אִיז דֶער חֵלֶק פוּן דֶעם אִינְגְל וָואס וֶועט נֶעמֶען אַ טֵייל אוּן תְּפִלּוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תְּפִלָּה פּוֹעֶלְ׳ט גָאר שְׁטַארְק.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי לִיכְטִיגֶע תּוֹרָה פוּן דִי צַדִּיקִים זָאל אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט נִשְׁפַּע וֶוערְן אַסַאךְ שֶׁפַע בְּכָל הָעוֹלָמוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וֶועט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**אִידִישׁ, אִידִישׁ אִידִישׁ, אַז מֶען רֶעדְט, רֶעדְט מֶען אִידִישׁ...** (נִיגוּן וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען בַּיי ר׳ נָתָנְ׳ס צַייטְן)

דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל שְׁרַייבְּן דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיךְ אִין אִידִישׁ, אַז קִינְדֶער אוּן פְרוֹיעֶן זָאלְן דָאס פַארְשְׁטֵיין. ר׳ לֵוִי יִצְחָק הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר צוּגֶעשְׁטִיפְּט פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵלְ׳דִיגֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אִידִישׁ.

״וַוייזְן וַוייזְט אוֹיס, אַז אִידִישׁ אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער לָשׁוֹן - דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶערֶעדְט. מֶען זֶעט דָאךְ אַז דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ - אוּן פְרִיעֶר; דֶער מַהֲרַ״ל מִ׳פְּרָאג - אוּן נָאךְ פְרִיעֶר, אִין חוּץ לָאָרֶץ - הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן - אִידִישׁ וָואס מִיר רֶעדְן.״ (טַעַם זְקֵנִים)

**מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ טַייטְשְׁן דֶער בַּאדֵייט פוּן דִי פָאלְגְנֶדֶע וֶוערְטֶער**
**וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין הַיינְטִיגְן גִלָּיוֹן**

**אַטְמָאסְפֶער** - מַצָּב רוּחַ, שְׁטִימוּנְג, גֵייסְט, גוּסְטֶע.
**פְּרִימִיטִיוו.** צוּרִיקְגֶעשְׁטַאנֶען, פַּארְצַייטִישׁ.
**בּוּנְקֶער**- מִקְלָט. שֶׁעלְטֶער, שׁוּץ פְּלַאץ.
**פְּרֶעזִידֶענְט** – נָשִׂיא. הוֹיפְּט פוּן לַאנְד.
**דֶערְגְרַייכְט** – אָנְגֶעקוּמֶען [צוּם צִיל]
**וואוֹילְזַיין** – לְטוֹבַת [דִי אִידְן]
**גֶעוֶוענְלִיכֶער**, דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶער, בֵּינוֹנִי.
**דְרַייסְטְקַייט** – שְׁטַארְקֵייט, גֶעוַואגְטַקֵייט.
**שְׁפַאנְט.** שְׁפַּאן – פְּסִיעָה. גֵיין עֶטְלִיכֶע טְרִיט.
**צִיוִוילֶע בִּירְגֶער** – אֶזְרָח. פָּשׁוּטֶ׳ער אַיינְוואוֹינֶער,
נִישְׁט קַיין מִילִיטֶערְמַאן.
**שָׁאסַייעֶן** – הוֹיפְּט וֶועגְן. גְרוֹיסֶע גַאסְן.
**שֶׁעפְּשֶׁען**, רֶעדְן צוּ זִיךְ שְׁטִיל. [אַ תְּפִלָּה]

**וִוירְבְּלֶען** – אַ גֶעדְרֵיי [ געמיש] פוּן מֶענְטְשְׁן.
**דוּרְכְאוֹיס** – מֶשֶׁךְ.
**צוּשְׁטַאנְד** – מַצָּב.
**גֵייסְט** – מַצָּב רוּחַ, רוּחַ, נְשָׁמָה.
**קַארְגֶע** – בְּדֹחַק, עֶנְגֶע, בַּאגְרֶענִיצְט.
**הַייפֶעלֶע** – קְבוּצָה, גְרוּפֶּע, שִׁיכְט.
**שׁוֹינֶען** – לְרַחֵם, רַחֲמָנוּת הָאבְּן.
**קֶעלֶער** – מַרְתֵּף, שְׁטָאק אוּנְטֶער דֶער עֶרְד.
**גֶעהָארְכְט** – לְהַאֲזִין, צוּגֶעלֵייגְט דָאס אוֹיעֶר, אוֹיסְגֶעהֶערְט.
**רֶעגִירוּנְג** – מֶמְשָׁלָה.
**שְׁפַּייזְן** – מְפַרְנֵס זַיין.
**טֶעלֶעגְרַאם**, אַמָאלִיגֶע עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע פָּאסְט בְּרִיוו,
[שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן מֶער אוֹיפְגֶעאַרְבֶּעט צוּ אַ פֶּעקְס]